UTL AT DOWNSVIEW
D RANGE BAY SHLF POS ITEM C
39 13 01 08 12 001 5

PLEASE DO NOT REMOVE
CARDS OR SLIPS FROM THIS POCKET

UNIVERSITY OF TORONTO LIBRARY

HX
86
R73
1900z
c.1
ROBA

Digitized by the Internet Archive
in 2011 with funding from
University of Toronto

http://www.archive.org/details/didiaurfunprolea00rogo

# די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט

פון

הלל ראָגאָף

ארויסגעגעבען פון דער

אויפקלערונגס פאַרבאַנד פון טאָראָנטאָ

Di diktatu

# די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט

פון

הלל ראָגאָף

ארויסגעגעבן פון דער

אויפקלערונגס פאַרבאַנד פון טאָראָנטאָ

HX
86
R73
1900z

# הייליגע סאָציאַליסטישע פסוקים, בעפאָר דער מלחמה און איצטער

ביז דער מלחמה איז דער סאָציאַליזמוס געווען א מין רעליגיאָן, א הימעל־זאַך, וועלכען האָט מיט'ן ווירקליכען לעבען כמעט קיין שייכות ניט געהאַט. ער האָט געהאַט זיין ביבעל („דאס קאַפּיטאַל" פון קאַרל מאַרקס), זיין גמרא און פּוסקים (די גרויסע סאָציאַליסטישע ליטעראַטור) און זיינע שוהלען (די סאָציאַליסטישע באַוועגונג). דאַמאַלסט האָט יעדער סאָציאַליסט גאַנץ רוהיג געזאָגט זיינע „אני מאמינ'ס", פייערליך פאַרזיכערט אַז ער וועלכע האָבען געוואָלט רעפאָרמירען די סאָציאַליסטישע תורה, מ'ולעס. פון צייט צו צייט פלעגען זיך באַווייזען אַפּיקורסים, וועלכע האָבע[ן] געוואָלט רעפאָרמירען די סאָציאַליסטישע תורה, וועלע האָבען געלייקענט אין דעם אָדער יענעם פסוק, אָבער זיי פלעגען ווענינ אַנהענגער קריגען. די גרויסע מאַסע סאָציאַליסטען איז געבליבען אָרטאָדאָקסיש, שטרענג מאַרקסיסטיש.

דאַמאַלסט האָבען אַלע געגלויבט אין דעם פסוק: „אַרבייטער פון אַלע לענדער פאַראייניגט זיך", אין דעם פסוק: „די אַרבייטער האָבען גאַרניט צו פאַרלירען, אויסער זייערע קייטען". דאַמאָלס האָבען אַלע געגלויבט, אַז ווען עס איז וועט משיח קומען, אַז ווען עס איז וועט געמאַכט ווערען א „סאָציאַליסטישע רעוואָלוציאָן", און אַז ווען דאָס וועט געשעהן, וועט איינגעפיהרט ווערען „א דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט", וועלכער וועט „אָפּשאַפען דעם בורזשואַזנס שטאַאַט" און גרינדען א „קאָמוניסטישע געזעלשאַפט".

אין די אַלע סאָציאַליסטישע פסוקים און פאָרמולעס האָט דער סאָציאַליסט דאַן געדאַרפט בלויז גלויבען. ווענען פאַרווירקליכען זיי באַלד אין לעבען האָט דאַן קיין רייד ניט געקענט זיין. גלויבען איז ניט קיין שווערע אַרבייט. די פּראַקטישע טעטיגקייט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָט מיט דיזע גרונד־פּרינציפּען אָדער ענד־ציעלען ווענינ פאַרבינדונג געהאַט. די סאָציאַליסטישע פאַר־

טייען אין די אינדוסטריעל ענטוויקעלטע לענדער האבען זיך הויפטזעכליך אפגעגעבען מיט קעמפפען פאר פאליטישע און עקאנאמישע רעפארמס.

די מלחמה און די רעוואלוציאנען האבען דיעזען צושטאנד אין גאנצען געענדערט: פון א רעליגיאן איז דער סאציאליזמוס פארוואנדעלט געווארען אין א לעבענס־פראגראם. די סאציאליסטען האבען מיט אמאל ערפאהרען, אז די „משיח צייטען" זיינען שוין דא, און אז זיי מוזען די היילִיגע „אני מאמינ'ס" זייערע אנווענדען אין לעבען. אז זאגען די אני מאמינ'ם מיט די ליפען איז שוין מעהר ניט גענוג, אז איצטער מוז מען פאר די אני מאמינ'ם געהן אין פייער און אין וואסער, שטעלען דעם אייגענעם לעבען אין קאן.

עם פארשטעהט זיך, אז דער נסיון האבען וועניגע אויסגעהאלטען. מאנכע האבען איינפאך דעם מוט ניט געהאט; אנדערע ווידער האבען זיך פלוצלונג ארומגעזעהן אז זיי האבען די גאנצע צייט געלעבט אין טעות, אז זיי האבען גארניט פארשטאנען דעם אמת'ען זין פון סאציאליסטישע פארמולעס, וועלכע זיי פלעגען מיט אזא כונה ווידערהאלען. זיי האבען זיך ארומגעזעהן, אז די פארווירקליכונג פון דיעזע פארמולעס איז פאר זיי גארניט אזוי אנציהענד, ווי זיי פלעגען זיך אין דער פאנטאזיע פארשטעלען.

אין די ערשטע מלחמה יאהרען האבען דעם ערגסטען שיקזאל געהאט די סאציאליסטישע פארמולעס אין באציהונג צו דער אינטערנאציאנאלער ברודערשאפט פון דעם ארבייטער־קלאס. דער היילִיגער פסוק „ארבייטער פון אלע לענדער פאראייניגט זיך" איז פלוצלונג פארגעסען געווארען. אלטע סאציאליסטישע רבנים האבען גענונומען דרשנ'ן דיעזען און אנדערע פסוקים, וועלכע האבען באשטימט דעם אינטערנאציאנאלען כאראקטער פון דער סאציאליסטישער באוועגונג. דאס האט ארויסגערופען מחלוקות און פראטעסטען, און די באוועגונג אין יעדען לאנד איז צושפאלטען גע־האבען גענומען דרשנ'ן דיעזע און אנדערע פסוקים, וועלכע האבען

נאך דער רוסישער רעוואלוציאן האט מען זיך א נעהם געטאהן צו דער פארמולע: „די דיקטאטור פון פראלעטאריאט". די באלשעוויקעס האבען ערקלעהרט, אז זיי גלויבען אין דיעזען פסוק איצטער נאך מעהר ווי פריהער, און אז זיי זיינען גרייט איהם צו פארווירקליכען אין לעבען. אנדערע סאציאליסטען האבען גענען

דעם אויפגעהויבען מעכטיגע פראטעסטען, און ווען די באלשעווי־קעס זיינען פון ווערטער אריבער צו טאטען, איז צווישען די צוויי גרופען סאציאליסטען אויסגעבראכען אן אפענער קאמפף, א מלחמה מיט ביקסען און שווערדען.

און דיעזע מלחמה איבער דער אלטער פארמולע געהט נאך איצטער אן. אין רוסלאנד גופא ווערט זי אויסגעקעמפפט מיט וואפען אין די הענד; אין אנדערע לענדער נעהמט זי אן די פארמע פון שפאלטונגען אין די פארטייען, פון גרינדונג פון א נייע סאציאליסטישע פארטייען, פון אויפשטענדע געגען אלטע פיהרער און זא ווייטער.

## די גענגער פון דיקטאטור פון פראלעטאריאט.

אום דעם גאנצען ענין גרינדליך צו ערקלעהרען איז לייכטער אנצוהייבען פון דער אנדער זייט, פון די גענגער פון דיקטאטור פון פראלעטאריאט. זייער שטאנדפונקט איז דער גלאטערער, דער פשוט'ערער — ער לעגט זיך בעסער אויפ'ן שכל. דאס אזוי דער־פאר, ווייל זייער געדאנקען־גאנג, זייער לאגיק איז אין איינקלאנג מיט דעם געדאנקען־גאנג און לאגיק, וואס הערשט איצט אין דער געזעלשאפט. מיר לעבען אין דער פסיכאלאגיע, מיר „זאפען איין" דעם שטאנדפונקט. אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקען, פון אלעם וואס רינגעלט ארום אונזער מאטעריאלען און גייסטיגען לעבען.

די גענגער האלטען, אז דאס הייליגסטע זאך אלס אבסטראק־טער און פראקטישער פרינציפ איז „דעמאקראטיע", און אזוי ווי „דיקטאטור" איז דער היפוך, פונקט דער געגענזאץ פון דעמאקרא־טיע, איז עס אומריין, טמא.

זיי האלטען אז דער סאציאליזמוס וועט זיעגען ניט דורך א דיקטאטור נאר דוקא דורך דעמאקראטיע. ווי אזוי וועט עס געשעהן? די אינדוסטריען ווערען מעהר און מעהר מאנאפאליזירט און ארגאניזירט. די צאהל פון פראלעטאריאט וואקסט. די מאכט פון פראלעטאריאט ווערט גרעסער. אין דערזעלבער צייט בארשפרייט זיך דער פרינציפ פון דעמאקראטיע. מעהר און מעהר פון דער פראלעטארישער באפעלקערונג קריגט שטימרעכט. עס וועט ענדליך קומען אזא צושטאנד, ווען די גרויסע מאסען אר־בייטער וועלען ווערען די מעכטיגסטע פאליטישע פארטיי. זיי וועלען ארייגקריגען די רעגירונג אין זייערע הענד און דאן וועלען

זיי דורך דער רעגירונג, דורך דעם שטאאט איינפיהרען דעם סאציאליזם. זיי וועלען עס טאן אויף א כשר'ן, געזעצליכען, פריעדליכען, העכסט דעמאקראטישען אופן.

אין דיעזען סאציאליסטישען פראגראם האט אייגענטליך קיין דיקטאטור קיין פלאץ ניט. אויף דער קשיה וואס די פרומע סאציאליסטען שטעלען: סטייטש, אין קאמוניסטישען מאניפעסט שטעהט דאך בפירוש, אז ביים איינפיהרען דעם סאציאליזמוס וועט הערשען א דיקטאטור פון פראלעטאריאט? גיבען פארשיעדענע צווישען זיי פארשיעדענע תירוצים. מאנכע ערקלעהרען, אז קארל מארקס האט דיעזע פראזע אריינגעשריבען ניט ווילענדיג, ניט טראכטענדיג, און אז ער וואלט איצטער אין קבר רוהיג ניט ליגען, ווען ער וואלט וויסען, אז זיינע נאכפאלגער נוצען אויס דיעזע פראזע צו פארשוועכען די הייליגקייט פון דעמאקראטיע. אנדערע ווידער ערקלעהרען, אז קארל מארקס האט געמיינט מען זאל די דיקטאטור איינפיהרען ערשט נאכדעם ווי די סאציאליסטען וועלען דורך א מאיאריטעט שטימען ביי רעגעלע וואהלען קריגען די רעגירונג אין זייערע הענד. דאס הייסט אזוי: אויב נאכדעם ווי די סאציאליסטען וועלען ערוועהלען זייער קאנגרעס און זייער פרעזידענט און וועלען אנפאנגען צו פארפאסען סאציאליסטישע געזעצע, אויב דאן וועלען זיך די קאפיטאליסטען ענטזאגען די געזעצע צו פאלגען, ענטזאגען איבערצוגעבען די שטאאט זייערע אינדוסטריען, זאל די סאציאליסטישע רעגירונג זיך באניצען מיט מאכט, ווערען א דיקטאטאר. דאס הייסט אויך, אז אין פאל די קאורטס וועלען דאן מבטל מאכען די געזעצע פון סאציאליסטישען קאנגרעס, זאלען די סאציאליסטען דאס איגנארירען און אנגעהן מיט זייער ארבייט.

אז דער תירוץ איז זעהר א שוואכער גיבען זיי אליין צו, ווארום נאכדעם ווי די סאציאליסטען וועלען געזעצליך אריינקריגען די רעגירונג אין זייערע הענד, קענען זיי דאך ניט גערופען ווערען דיקטאטארס, וואס זיי זאלען ניט טאהן, ווי זיי זאלען ניט האנדלען. זיי האבען דאך דאן די צושטימונג פון פאלק, די „דעמאקראטישע מאכט".

# די פארטיידיגער פון „דיקטאטור פון פראלע-טאריאט“.

די אנהענגער פון דעם פרינציפ פון „דיקטאטור פון פראלעטאריאט“ גלויבען, אז אהן דיעזען מיטעל וועט עס אונמעגליך זיין איבערצובייען די געזעלשאפט פון א קאפיטאליסטישען אויף א סאציאליסטישען סיסטעם. זיי שטיצען זיך הויפטזעכליך אויף געשיכטע. זיי שטיצען זיך אויך אויף דער סאציאליסטישער אויפפאסונג פון דעם „שטאאט“.

1) די געשיכטע לערענט אונז, אז דורך עוואלוציאן, דורך נאטירליכער ענטוויקלונג אליין איז נאך קיינמאל א הערשענדער קלאס פון זיין מאכט אין דער געזעלשאפט ניט אראפגעזעצט געווארען. די פעאדאליסטישע אריסטאקראטיע, וועלכע האט פארלארען איהר וויכטיגקייט אין דער געזעלשאפט אין 18־טען יאהרהונדערט, האט ניט אפגעטראטען דעם פלאץ מיט גוטען. זי האט איהר פאזיציע פארטיידיגט מיט מאכט, מיט בליי און אייזען. די ארבייטער קענען זיך ניט פארלאזען אויף א „פריעדליכער עוואלוציאן“: זיי מוזען זיך גרייטען אויף א רעוואלוציאן, און אויף א קלאסען־דיקטאטור.

2) און אויסער דעם איז דער שטאאט סיי ווי סיי א דיקטאטור. עס מאכט ניט אויס ווי אזוי די בעאמטע ווערען ערוועהלט, וועד עס ערוועהלט זיי, דער ווילען פון פאלק ווערט דורך זיי ניט געפיהרט. דער שטאאט פיהרט דורך דעם ווילען פון דעם הערשענדען קלאס. כל זמן די בורזשואזיע איז דער הערשענדער קלאס איז דער שטאאט די דיקטאטור פון דער בורזשואזיע: ווען דער פראלעטאריאט וועט ווערען דער הערשענדער קלאס, וועט דער שטאאט זיין „די די דיקטאטור פון פראלעטאריאט“.

3) דער סאציאליזמוס גלויבט ניט אין דעם שטאאט, ער וויל איהם אינגאנצען פארניכטען. ער האלט אז די אויפגאבע פון דעם שטאאט איז אימער געווען צו אונטערדריקען דאס לאנד אין די אינטערעסען פון איין קלאס. כל זמן עס זיינען דא קלאסען אין דער געזעלשאפט, קלאסען וועלכע זוכען די איבערמאכט, די הערשאפט, מוז זיין א שטאאט. דער שטאאט באשטימט וועלכער קלאס זאל זיין הער הערשענדער און גיט איהם די מעגליכקייט די הערשאפט צו פארוויקליכען. אזוי שנעל ווי די קלאסען

װעלען אפגעשאפט װערען. װעט דער שטאאט קיין עקזיסטענץ־בארעכטיגונג ניט האבען און ער װעט מוזען ממילא פארשװינדען.

דערפאר װעט דער דיקטאטור פון פראלעטאריאט זיין בלויז א צייטװיילינגע. זי װעט עקזיסטירען בלויז אזוי לאנג װי די איבער־בויאונג פון דער געזעלשאפט פון א קאפיטאליסטישען אויף א סאציאליסטישען סיסטעם װעט געדויערען. אט איז דער גאנג, דער פראצעס פון דער סאציאליסטישער רעװאלוציאן, װי דיעזע רעװאלוציאנערע סאציאליסטען פארשטעהען איהם.

די סאציאליסטישע באװעגונג װעקט דעם ארבייטער צו רעװאלוציאן, פרעדיגט פאר איהם דעם קלאסען־קאמפף, װעקט אין איהם דעם קלאסען־באװאוסטזיין, מאכט אלע נויטיגע פארברייטונגען פאר א סאציאליסטישער ארדנונג. װען די געזעלשאפט איז גרייט פאר דער איבערקעהרעניש, װען די סאציאליסטישע ארגאניזאציאן פיהלט אז דער מאמענט איז געקומען, מאכט זי די רעװאלוציאן. פארצושרייבען װען און װי אזוי דאס זאל געטאהן װערען, איז אוממעגליך. דאס איז א זאך, װעלכע מוז אין יעדען לאנד באשטימט װערען באזונדער, װייל די אומשטענדען אין יעדען לאנד זיינען פארשידען. קוים אבער װערט די רעװאלוציאן געמאכט, דארף דער ערשטער ציעל פון די סאציאליסטען זיין צו פארכאפען די רעגירונג, דעם שטאאט, דורך װאס פאר א מיטלען זיי געלינגט דאס צו טאהן, און דאן מוז זייער רעגירונג איינפיהרען די דיקטאטור פון פראלעטאריאט.

דיעזע דיקטאטור װערט אויסגענוצט אויף איין זאך, מיט געזעץ אפצושאפען דעם קאפיטאליזמוס, מיט געװאלד אװעקצונעהמען דעם קאפיטאל פון די פריװאט־אייגענטימער און עס פארװאנדלען אין קאמוניסטישעס אייגענטום. נאכדעם װי דיעזע ארבייט װערט געענדיגט, בלייבט פאר דער דיקטאטור, פאר דעם פראלעטארישען שטאאט, מעהר גארניט צו טאהן. די אינדוסטריען װערען דאך בארװאלטעט פון די ארבייטער, דורך זייערע סאזיעטען. די עקאנאמישע ארדנונג װערט דאך געפיהרט דורך די סאװעטען. דער שטאאט האט ביז איצט געהאט איין פונקציאן, איין אויפגאבע, צו באשיצען דעם הערשענדען קלאס געגען די אונטערדריקטע קלאסען. איצטער אבער, אז דאס פריװאט אייגענטום איז אינגאנצען אפגעשאפט געװארען, איז דאך דער אונטערדריקטער קלאס, די בירזשואזיע, — װעמען די דיקטאטור פון

פראלעטאריאט האט באהערשט, — איינגאנצען פארשוואונדען. טא צו וואס דארף מען דעם שטאאט? ניטא מעהר אלזא קיין שטאאט, ניטא מעהר קיין דיקטאטור. עס איז דא בלויז א קאמוניסטישע ארדנונג, וועלכע ווערט פארוואלטעט פון די ארבייטער גופא, דאס הייסט פון אלע איינוואוינער פון לאנד, דורך באאמטען אדער דורך אירגענד וועלכען אנדערען עהנליכען סיסטעם.

## „דעמאקראטיע“ — די דיקטאטור פון דער בורזשואזיע.

די וויכטיגסטע קייטעל אין דיעזען לאגישען רינג איז די באהויפטונג, דאס די דעמאקראטיע, וואס הערשט איצטער אין די אינדוסטריעל ענטוויקעלטע לענדער, איז בלויז א דעמאקראטיע אין נאמען; אין דער ווירקליכקייט איז זי אבער ניט מעהר ווי א דיקטאטור, די דיקטאטור פון דעם הערשענדען קלאס, דער בורזשואזיע. עס פארשטעהט זיך, אז די געגנער פון דעם פרינציפ פון דיקטאטור פון פראלעטאריאט לייקענען דיעזע באהויפטונג אפ. זיי גיבען צו, אז די דעמאקראטיע איז ניט פאלקאם, ווייל עס עקזיסטירען נאך א סך שלעכטע בירגערטום אין שטימרעכט געזעצע. זיי גלויבען אבער, אז מיט דער וואקסענדער מאכט פון פראלעטאריאט, פון דעם סאציאליזם, וועלען דיעזע שלעכטע געזעצע אפגעשאפט ווערען, און די דעמאקראטיע וועט מיט דער צייט ווערען א פאלשטענדיגע. אלס באווייז ברענגען זיי דעם פארטשריט אין שטימרעכט פאר פרויען אין פיעלע לענדער, וועלכער איז געמאכט געווארען אין די לעצטע עטליכע יאהר.

וואס האבען אויף דעם צו זאגען די דיקטאטור־פארטיידיגער, די אפיקורסים אין דער ווערדע פון דער עקזיסטירענדער דעמאקראטיע?

זיי זאגען, אז דא האנדעלט זיך וועגען חקירה'ן, וועגען פלפול'ן זיך. אויס'פשט'לען קען מען אלין. מען דארף אורטיילען פון פאקטען, פון דאס וואס מיר זעהען מיט אונזערע אויגען.

און וואס זעהן מיר מיט אונזערע אויגען?

אז טראץ דעם וואס די ארבייטער, די פראלעטאריער, ארגאניזירען זיך אלץ מעהר און מעהר, טראץ דעם וואס זייער צאהל וואקסט און זייער אינדוסטריעלע מאכט ווערט גרעסער, רעכנט זיך דער פאליטישער שטאאט מיט זיי אויף א האר ניט מעהר.

דער שטאאט דינט איצטער פונקט אזוי טריי און פיליייכט נאך טרייער די אינטערעסען פון קאפיטאל ווי בשעת דער פראלעטא־ריאט איז געווען פיעל שוואכער און קלענער.

1) פארוואס איז עס אזוי? ווייל דער שטאאט, די רעגירונג, וואס פארטרעט דאס פאלק, ווערט ערוועהלט און צוזאמענגעשטעלט ניט אינדוסטריעל, נאר פאליטיש. די פארשטעהער וואס ווערען געשיקט אין קאנגרעס, ווערען ערוועהלט ניט פון קלאסען און אינדוסטריען, נאר פון טעריטאריעס. עס מאכט ניט אויס וואס פאר א פלאטפארם, וואס פאר פרינציפען די פארטייי, וועלכע נאמינירט דעם קאנדידאט, קען זיך האבען. דער קאנדידאט וויסענדיג אז זיינע וואוטערס קומען פון פארשיעדענע קלאסען, מוז זיך רעכענען מיט אינטערעסען פון די פארשיעדענע קלאסען. ער טוט עס ווילענדיג אדער ניט ווילענדיג, באוואוסט אדער אונבאוואוסט. ער פיהלט אינסטיקטיוו, אז ער איז דער פארטרעטער פון לאנד, ניט פון א געוויסען קלאס, אדער א געוויסער אינדוסטריע, און וויבאלד אזוי, וויבאלד ער איז ניט אינגאנצען א צוגעבונדענער צו איין געוויסען קלאס, פאלט ער מיט דער צייט ארונטער אונטער דעם איינפלוס פון דעם קאפיטאליסטישען קלאס, ווייל ער איז דאך דער שטארקערער און האט דאך די מיטלען, עהרליכע און אונעהרליכע, אויף איהם שטארקער צו ווירקען.

2) דער שטאאט, זייענדיג א פאליטישע ארגאניזאציאן, ווערט ניט ריכטיג פארשטאנען פון די גרויסע מאסען וואוטערס. די בורזשואזיע, די רייכע קלאסען, פארשטעהען יע וואס פאר אייגענע האבען דער שטאאט האט, וואס פאר נוצען ער קען זיי ברענגען. זיי פארשטעהען עס, ווייל זיי זיינען אימער געשטאנען נאהענט צו דעם מאדערנעם שטאאט און ווייל זיי האבען די מעגליכקייטען צו לערנען און צו שטודירען דיעזע פראגען. דאס איז אבער ניט דער פאל מיט דעם פראלעטאריאט, די ארבייטער - קלאסען. זיי זיינען צוטומעלט. זיי וויסען ניט וואס דער שטאאט איז און וואס פאר א שייכות ער האט צו זייער עקאנאמישען לעבען. אט נעהמט דעם פאקט, דאס די אמעריקאן פעדערייישאן אוו לייבאר פרעדיגט צו די ארבייטער די לעהרע, אז זיי טארען זיך ניט באטייליגען אין דער פאליטיק אלס ארבייטער, נאר אלס בירגער. מיליאנען ארבייטער אין אמעריקא גלויבען אין דיעזען פרינציפ, און מאנכע פון די פיהרער, וועלכע פרעדיגען איהם, זיינען גאנץ

אויפריכטיג. זיי זיינען איבערצייגט, אז דער שטאאט האט אלס זיינע הויפט אויפגאבען פראגען, וואס האבען מיט דעם ארבייטער אלס ארבייטער קיין שייכות ניט. זיי גלויבען, אז דיעזע אויפגאבען זיינען מכח נאציאנאלע און אינטערנאציאנאלע אנגעלעגענהייטען, אין וועלכע אלע קלאסען בירגער האבען דיזעלבע אינטערעסען, און אז דארום דארפען זיך אלע בירגער אין די וואהלען פאראייניגען צו ערוועהלען עהרליכע און פעהיגע מענשען. אמת, עס מאכט זיך אמאל, אז די רעגירונג דארף האנדלען מכח אן ארבייטער־פראגע, גלויבען זיי אז אן עהרליכע און פעהיגע רעגירונג וועט אין אזוינע פעלע זיין „פעער". געדעכט צו ארבייט, ספעציעל ווען די ארגאניזירטע ארבייטער וועלען שיקען שתדלנים צו ווירקען אויף דער רעגירונג און צו מאכען איהר פארשפרעכונגען וועגען ארבייטער־וואוטס ביי די נעקסטע וואהלען.

3) דער שטאאט איז אזוי ארגאניזירט, אז אפילו אונטער די בעסטע אומשטענדען, אונטער א פאלשטענדיגער דעמאקראטיע און מיט א גענוגענדען וויסען וועגען די אויפגאבען פון דעם שטאאט, — מוזען די ארבייטער פארלירען, ווען זייערע אינטערעסען קומען דארטען אין צוזאמענשטויס מיט די אינטערעסען פון דער בורזשואזיע. די רעגירונג איז איינגעטיילט אין דריי טהיילען און די גרעסטע מאכט באזיצען גראדע יענע צוויי טיילען פון דער רעגירונג, איבער וועלכע די גרויסע מאסען האבען אדער גארניט אדער ווייניג דעה. דער קאנגרעס, די געזעצגעבענדע קערפערשאפט, איז דער איינציגער צווייג פון דער רעגירונג, וועלכער קען אונטער אן אידעאליסטישער דעמאקראטיע ווירקליך פארטרעטען דאס פאלק. אבער דערפאר טאקע וואס דיעזער צווייג שטעהט נעהנטער צום פאלק, ווערט זיין איינפלוס און מאכט אין דעם שטאאט אלץ קלענער און קלענער. די מאכט פאלט מעהר און מעהר אריין אין די הענד פון דער עקזעקוטיווע און אין די הענד פון די קאורטס, וועלכע שטעהען ווייט פון דעם איינפלוס פון די גרויסע מאסען וואוטערס. אין די לעצטע פאר צעהנדליג יאהר, זייט די מאכט פון גרויס - קאפיטאל האט זיך דא שטארק ענטוויקעלט, איז דער קאנגרעס געווארען א ווערקצייג אין די הענד פון דעם פרעזידענט. אין וויכטיגע פראגען טוט דער קאנגרעס דעם וואונש פון דעם פרעזידענט, ספעציעל ווען זיי געהערען ביידע צו דערזעלבער פאליטישער פארטיי.

4) אויפקלעהרען א געניגענדע צאהל ארבייטער און זיי מאכען פאר שטרענגע וואוטערס פון זייער פארטיי, איז אונגעהייער שווער, אויב ניט אינגאנצען אונמעגליך, צוליעב צוויי אורזאכען. ערשטענס, באזיצען די קאפיטאליסטישע קלאסען און זייערע פארטייען בעסערע פראפאגאנדא־מיטלען, בעסערע צייטונגען, רעדנער, שרייבער, ווייל זיי האבען די געלט דאס צו קויפען. זייער פראפאגאנדא איז א ווירקזאמערע. און, צווייטענס, האט די בורזשואזיע די רעגירונגס־מאשינערי אין איהרע הענד, און זי קען די רעגירונגס־מאכט אויסנוצען אנשרעקען די ארבייטער מאסען אדער זיי גאר צו בארויבען פון זייערע וואוטס.

אויף דעם גרונד פון די אלע אורזאכען ערקלעהרען די אנהענגער פון'ם פרינציפ פון „דיקטאטור פון פראלעטאריאט", אז דער פאליטיישער שטאאט איז ניט און קען ניט פארוואנדעלט ווערען אין א דעמאקראטיישען ארגאן, דורך וועלכען דער ווילען פון פאלק זאל קריגען זיין ריכטיגען אויסדרוק. דער שטאאט איז איצטער דער ארגאן פון דעם הערשענדען קלאס, פון דער בורזשואזיע. ער איז דער דיקטאטור פון דער בורזשואזיע, און ער וועט עס זיין אזוי לאנג ווי די בורזשואזיע וועט זיין דער הערשענדער קלאס, אין דער געזעלשאפט. ווען די לאגע וועט זיך ענדערען, ווען דער פראלעטאריאט וועט ווערען דער הערשענדער קלאס, וועט דער שטאאט ווערען זיין ארגאן און דאן וועט הערשען די דיקטאטור פון פראלעטאריאט.

## די דיקטאטור פון פראלעטאריאט און די רוסישע רעוואלוציאן.

אויף דעם גורל פון רוסלאנד איז עס געפאלען צו זיין די ערשטע איינצופיהרען די דיקטאטור פון פראלעטאריאט. יעדער אנפאנג איז שווער. עס האט געדויערט א שטיק צייט איידער די סאציאליסטען אליין, אין רוסלאנד און אין אנדערע לענדער, האבען זיך צוגעוואוינט צו דעם געדאנק: און דיעזע שטערונג איז אייגענטליך געווען די שווערסטע אויף דעם וועג פון דער באלשעוויסטישער רעוואלוציאן. נאך ביז היינטיגען טאג, האבען פיעלע סאציאליסטען, איבערהויפט צווישען דער אינטעליגענץ, ניט קיין קלאהרען באגריף וואס די דיקטאטור באדייטעט. זאגאר די וואס פארטיידיגען די דיקטאטור טאפען אין דער פינסטער.

מען הערט אפט פון דיעזע פארטיידיגער די פאלגענדע טענה: די באלשעוויקעס האבען איינגעפיהרט די דיקטאטור, ווייל דאס לאנד געפינט זיך אין א גריעגס־צושטאנד, ווייל דאס לאנד איז באלאגערט פון אויסערליכע שונאים און איז פול מיט אינערליכע שונאים. אין צייט פון קריעג, הייסט עס, איז אלעס ערלויבט. זאגאר אין די עכט־דעמאקראטישע לענדער ווערען די פרייהייטען און די רעכטע פון די בירגער באשרענקט אונטער אזוינע אומשטענדען. אין די פינף מלחמה־יאהרען זיינען קיין וואהלען אין אייראפא ערגעץ ניט אפגעהאלטען געווארען. די רעגירונגען דארטען זיינען דאך אלזא אויך געווען דיקטאטורען ביז א געוויסען גראד.

דיעזער תירוץ איז א פאלשער. די דיקטאטור פון פראלעטאריאט אין רוסלאנד איז ניט א מיטעל פון פארטיידיגונג געגען קאנטר־רעוואלוציאנערען אדער געגען אויסערליכע שונאים. ווען זאגאר דאס לאנד וואלט געווען רוהיג, ווען זי וואלט געווען זיכער פון אירגענד וועלכע רעאקציאנערע געפאהרען, וואלט די דיקטאטור ניט אפגעשאפט געווארען. דער איינציגער אונטערשיעד וואלט געווען אין דער שארפקייט פון די דיקטאטארישע גזירות. אונטער רוהיגע אומשטענדען וואלט די דיקטאטור ניט געווען אזוי שטרענג מיט דער בורזשואזיע.

די דיקטאטור אין רוסלאנד באשטעהט אין דעם, וואס בלויז ארבייטער, מענשען וועלכע פראדוצירען אליין און האבען קיין אנדער איינקונפט ווי זייער ארבייט ניט, בלויז דיעזע מענשען באטייליגען זיך אין די וואהלען צו די סאוועטען. דאס הייסט, אז די בורזשואזיע איז אויסגעשלאסען פון אירגענד וועלכער רעה אין דעם שטאאט. די רוסישע געזעלשאפט איז איצטער א סאציאליסטישע, און יענע איינוואוינער אדער בירגער, וועלכע מאכען פראפיטען, ווערען באטראכט אלס א קראנקער גליעד, וועלכער מוז אויסגעהיילט ווערען. און ער ווערט אויסגעהיילט ביסלעכווייז. מעהר און מעהר אינדוסטריען ווערען איבערגעגעבען צו די ארבייטער אלס קאמוניסטישע פארוואלטער, און די בעלי בתים פון דיעזע אינדוסטריען ווערען ביסלעכווייז אריבערגענומען פון דער בורזשואזיע אין דעם ארבייטער־קלאס. כל זמן זיי געהערען צו דער בורזשואזיע, אבער, קענען זיי ניט שטימען ביי די וואהלען אייגנפאך דער פאר ווייל זיי האב'ן ניט פאר וועמען צו שטימען.

די רעגירונג איז אן אינדוסטריעלע. די סאוועטען זיינען צונויפגעשטעלט פון פארשטעהער פון ארבייטער און פויערים, די פראבלעמען וואס זיי פארהאנדלען, די ארבייט וואס די סאוועטען טוען באציהען זיך אויף דער קאמוניסטישער איינריכטונג פון לאנד. וואס וועט א בורזשואזער פארשטעהער דארטען טאן? אײן מענליכע זאך — שטערען. ער קומט אהין בלויז מיט דיעזען צוועק. די סאוועטען האבען אלס זייער הויפט־אויפגאבע די בורזשואזיע וואס שנעלער אפשאפען. ווי קען אין אזא קערפערשאפט א פארשטעהער פון דער בורזשואזיע גאר ווערען אריינגעהן?

וועט א דעמאקראטישע לאנד אריינלאזען אין איהר פארלאמענט א פארשטעהער פון אנארכיסטען, וועלכע ערקלעהרען זיך פאר דער פארניכטונג פון דעם שטאאט, וועלכע זאגען אפען אז זיי געהען אין פארלאמענט מיט'ן צוועק איהם צו פארניכטען ? אויפריכטיגע אנארכיסטען באטייליגען זיך אליין ניט אין פאליטיק און דער שטאאט ערלויבט אזוינע מענשען ניט צו ווערען זאגאר בירגער : פון פארנעהמען א פלאץ אין פארלאמענט איז אפגערעדט. פונקט ווי אונזער דעמאקראטישער שטאט קוקט אויף אנארכיסטען, קוקט די רוסישע דיקטאטור פון פראלעטאריאט אויף די בורזשואזען.

די באלשעוויקעס אין רוסלאנד זיינען אפענהערציג אין זייער שטעלונג. זיי האבען זייער האנדלונג געקענט פארמאסקירען דורך כלומרשט געזעצע אדער שווינדלערישע האנדלונג. האבענדיג די פיזישע מאכט אין האנד, האבען זיי געקענט צולאזען די בורזשואזען צום שטימקאסטען און אזוי „אויפפאסען" אויף די וואהלען, אז די בורזשואזע וואוטס זאלען סיי ווי סיי קיין ווירקונג ניט האבען. אז אזוינע זאכע ווערען געטאהן אין די דעמאקראטישע לענדער, איז א צו גוט באקאנטער פאקט. די באלשעוויקעס האבען זיך אבער מיט דיעזע מעטאדען ניט באנוצט. פארקעהרט, זיי האבען גלייך ווי זיי זיינען אין מאכט אריין עס ערקלעהרט אלס א פונקט אין דער קאנסטיטושאן אויף שטענדיג און אייביג, דאס בורזשואזען האבען ניט קיין שטימרעכט.

און די באלשעוויקעס זיינען אפען און אויפריכטיג אויך אין באצוג צו די דיקטאטארישע גזירות, וועלכע זיי גיבען ארויס געגען דער בורזשואזיע. לענין האט ערקלעהרט, צום ביישפיעל, אז די אונטערדריקונג פון פרייע פרעסע פאר די קאדעטען וועט אנהאל־

טען אזוי לאנג ווי ער וועט פיהלען אז זיי קענען דורך א פרייער פרעסע דער באלשעוויסטישער הערשאפט עטוואס שאדען ברענגען. אזוי שנעל אבער ווי ער וועט פיהלען, אז די קאדעטען קענען דורך פרייע צייטונגען גארניט אויפטאהן גענען די באלשעוויקעס, וועט ער די גזירה אראפנעהמען.

די גזירות, די באשרענקונגען פון אלגעמיינע מענשליכע רעכטע און פרייהייטען געגען דער בורזשואזיע זיינען דער רעזולטאט פון דער אויסערגעוועהנליכער לאגע, אין וועלכער די באלשעוויסטישע דיקטאטור געפינט זיך איצטער. די דיקטאטור גופא אבער איז ניט א פארטיידיגונגס־מיטעל. זי איז דער עצם פון דער סאציאליסטישער רעוואלוציאן, און זי וועט מוזען איינגעפיהרט ווערען אין יעדען לאנד אונטער אלע אומשטענדען, ווען די סאציאליסטישע רעוואלוציאן וועט דארטען געמאכט ווערען.

## די „דיקטאטור פון פראלעטאריאט״ און די אינטע-גענץ.

די דיקטאטור פון פראלעטאריאט ווערט אם שארפסטען פארדאמט פון די אינטעליגענץ. דאס איז דער פאל געווען אין רוסלאנד; דאס איז דער פאל אין אנדערע לענדער, וואו די פראגע ווערט פארליפיג דיסקוטירט טעארעטיש. די אורזאכע דערפון איז לייכט צו פארשטעהן.

די קאפיטאליסטען און די ארבייטער האבען ווענינ אילוזיעס וועגען דער „דעמאקראטיע״, וואס הערשט אין די „פרייע״ לענדער. זיי ווייסען דעם גאנצען אמת. דער לעבען איז זייער לעהרער. זיי ווייסען אז די זאגענאנטע דעמאקראטיע איז מעהר אויפ׳ן פאפיער ווי אין דער ווירקליכקייט. די קאפיטאליסטען, וועלכע שטעהען הינטער די קוליסען פון דער רעגירונג, זעהען ווי לייכט עס איז די דעמאקראטישע פרינציפען צו פארשוועכען; די ארבייטער, וועלכע ליגען שטענדיג אין די טרענטשעס פון דעם קלאסען־קאמפף, ווייסען ווי שווער עס איז די דעמאקראטישע פרינציפען אנצוואווענדען. מיר ריידען נאטירליך וועגען די דענקענדע צווישען די צוויי עלעמענטען. עס איז א באוואוסטער פאקט, אז אין אמעריקא, צום ביישפיעל, קוקען די קאפיטאליסטען און מאסען ארבייטער אויף דער רעגירונג מיט גלייכגילטינקייט, און דערמיט אייגענטליך ערקלעהרט זיך וואָרום די בעסערע מענשען

מישען זיך נים אין פאליטיק. ווארום די פאליטישע מאשינען ליגען אין די הענד פון קארופטע פערזאָנען, ביי וועמען פאליטיק איז בלויז א ביזנעס, ווארום עס איז אין דער היגער פאליטיק אזוי ווייניג נשמה, אזוי וועניג אידעאַליזם פאראן.

דאס איז אבער נים דער פאל מיט דער אינטעליגענץ, מיט דעם מיטעל קלאס פראפעסיאָנעלען מענשען. זיי זיינען אליין ווייט פון דעם טאג־טעגליכען קאמפף צווישען די קלאסען, צווישען די בעלי בתים און די ארבייטער. זיי ווייסען וועגען די געזעצע אויפ'ן פאפיער, אבער נים אין די קאורטס. זיי ווייסען וואס די געזעצמאכער ריידען און שרייבען אין דער עפענטליכקייט, פאר דער עפענטליכקייט, אבער זיי ווייסען נים וועגען די באהאלטענע מאטיוועז.

דערצו האבען דיעזע אינטעליגענטען זיך אויפגעהאָדעוועט אויף די ביכער און לעקטשורס אין בורזשואזע אוניווערזיטעטען. זיי האבען פון דער יוגענד אָן איינגעזאָפּט אין זיך דעם גלויבען און די פארעהרונג פון די הייליגע פרינציפען פון דעמאקראטיע. ביי זיי איז ווירקליך קיין העכערער אידעאל נים. אפילו די יעניגע צווישען זיי וועלכע זיינען שפעטער געווארען סאציאליסטען, האבען נים אויפגעהערט צו דיענען דעם אפגאָט פון „דעמאקראטיע" זיי האבען מורה געווען, אז דער פרינציפ איז נים פאלשטענדיג פארווירקליכט און אז ער ווערט נים עהרליך אפגעהיט אין דער איצטיגער געזעלשאפט. זיי האבען אבער נים צוגעלאזען דעם געדאנק, אז ער איז אין עצם פאלש, אז ער איז אונמעגליך, אז דער „שטאאט" און „דעמאקראטיע" זיינען צוויי באגריפען וועלכע קענען גארנים געהן האנד אין האנד.

דערפאר געפינען מיר אזא פארביטערטע, פארביסענע געגנערשאפט צום דיקטאטור פון פראלעטאריאט צווישען דער אינטעליגענץ פון די סאציאליסטישע פארטייען. זייערע לייט זאגען אפען, אז ביי זיי איז דעמאקראטיע טייערער און הייליגער ווי דער סאציאליזם. זי זאגען אפען, אז ווען זאגאר זיי וואלטען זיכער געווען, דאס די באלשעוויקעס וועלען דורך זייער מעטאדע פארווירקליכען דעם סאציאליסטישען אידעאל און אויף שטענדיג עטאבלירען א סאציאליסטישע געזעלשאפט אין רוסלאנד, וואלטען זיי די באלשעוויקעס באקעמפפט נים ווייניגער ווי איצטער, ווען זיי גלייבען דאס נים. זיי וואלטען באקעמפפט דעם סאציאליזם אין

נאמען פון דעמאקראטיע. „אויב מען קען דעם סאציאליזם ניט איינפיהרען אהן א דיקטאטור פון פראלעטאריאט, דאן ווילען מיר בעסער קיינמאל קיין סאציאליזם ניט האבען" זאגען זיי.

עס פארשטעהט זיך, אז ווען דער מאמענט פון פארווירקליכונג קומט, ווען די רעוואלוציאן ווערט געמאכט און דער פראלעטאריאט פארכאפט די מאכט, איז די אפאזיציאן פון דער אינטעליגענץ ניט זעהר ערנסט. די אינטעליגענץ איז פון נאטור ניט קיין קעמפפענדער עלעמענט. זעהר װעניג פון זיי זיינען בארייט אפפער צו ברענגען. דער סארט לעבען וואס זיי פיהרען אין רוהיגע צייטען ענטוויקעלט אין זיי א געוויסע רוהיגקייט, א געוויסע פוילהייט א געוויסע ליעבע צו באקוועמליכקייט. אויסנאהמעס זיינען נאטירליך פאראן, אבער די צאהל זייערע איז ניט גרויס גענוג, אז מען זאל זיך פאר זיי ווירקליך דארפען שרעקען.

שעדליך איז דיעזער עלעמענט אבער אין געווערנליכע צייטען. ווען די סאציאליסטישע באוועגונג פיהרט אן איהר פראפאגאנדא און גרייט צו די מאסען צו דער רעוואלוציאן. ווי די רעוואלוציאן אין רוסלאנד האט באוויזען, איז אבסאלוט נויטיג אז די גרויסע מאסען זאלען גרינדליך פארשטעהן דעם אמת וועגען דעמאקראטיע און דעם אמת וועגען דער דיקטאטור פון פראלעטאריאט. וואלט דאס דער פאל געוועזן אין רוסלאנד, וואלט וועניגער בלוט פארגאסען געווארען, וואלטען פיעלע אונשולדיגע לעבענס ניט אויפגעאפפערט געווארען אומזיסט.

די סאציאליסטישע פארטייען אין יעדען לאנד טארען מעהר ניט פארנאכלעסיגען דיעזען פונקט. זיי מוזען פאר זיך קלאהר מאכען זייער שטעלונג צו דיעזער וויכטיגער פראגע און דיעזע שטעלונג פראפאגאנדירען צווישען זייערע מיטגליעדער און צווישען די מאסען, וועלען זיי זוכען צו זיך צוציהען.

## דער „שטאאט" אין דעמאקראטישע לענדער.

די וויכטיגקייט פון דיעזען פונקט ווערט קלאהר אזוי שנעל ווי מען באפרייט זיך פון דעם פאלשען געדאנק, דאס אין די דעמאקראטישע לענדער איז דער שטאאט מעהר צום דינסט פון גאנצען פאלק ווי אין די דעספאטישע לענדער. דער טעות וואקסט ארויס דערפון, וואס אין די דעמאקראטישע לענדער מישט זיך די רעגירונג מעהר אין דעם אינדוסטריעלען לעבען, מאכט געזעצע

וועגען ארבייט און האלט א געוויסע קאנטראל איבער דער פראָ־דוקציאן, איבער דעם אינערליכען און אויסערליכען האנדעל און זא ווייטער. עס איז ביים אלגעמיינעם עולם אנגענומען, אז ווען די רעגירונג מישט זיך אריין אין די פריוואט געשעפטען, אין אינ־דוסטריעלע אנגעלעגנהייטען, געווינט דאס פאלק דערפון. און אז וואס מעהר די רעגירונג קריכט אריין אין דער לאנד'ס אינדוסטריע, אלץ שוואכער ווערט די מאכט פון דער בורזשואזיע און אלץ שטארקער ווערט די מאכט פון דעם פראלעטאריאט.

דאס איז אבער א טעות, און אן ערנסטער טעות. גלויבען מיר, אז דער שטאאט איז אן אינסטרומענט אין די הענד פון דער בורזשואזיע, אז ער איז דער אויסדרוק פון דער דיקטאטור פון דער בורזשואזיע. דאן מוזען מיר לאגישערווייזע דרינגען, אז וואס מעכטיגער דער שטאאט ווערט, וואס ווייטער און טיעפער ער פאר־שפרייט זיין איינפלוס און זיין דעה, אלץ מעכטיגער ווערט דער קלאס וועמען ער דיענט. אויב דער שטאאט איז די דיקטאטור פון דער בורזשואזיע, איז דאך פאר דעם פראלעטאריאט ערגער ווען דער שטאאט קריגט א גרויסע דעה אויף דער פעלד. וואו דער קאמפף צווישען דער בורזשואזיע און דעם פראלעטאריאט ווערט הורכגעקעמפפט.

אין די דעמאקראטישע לענדער' מישט זיך איצטער די רע־גירונג אריין אין סטרייקס, אין די סכסוכים צווישען ארבייט און קאפיטאל. די רעגירונג קאנטראלירט דארטען ביז א געוויסען גראד די וויכטיגע אינדוסטריען, און די טענדענץ איז פאר היעזער „רעגירונגס אריינמישונג" זיך צו פארגרעסערען. ספעציעל איז דאס דער פאל אין ענגלאנד און אין אמעריקא, — אין יענע לענ־דער, מערקט אייך, וואו דער קאפיטאליזם איז אם בעסטען ענט־וויקעלט, וואו דער קאפיטאליזם האט זיך די גרעסטע מאכט ער־ווארבען. וואס איז די אורזאכע? איז דאס דערפאר וואס אין יענע לענדער איז דער ארבייטער א גרעסערע מאכט, ווייל דאר־טען איז די רעגירונג מעהר געניגט צו פארטיידיגען די אינטע־רעסען פון די ארבייטער?

ניין, די אורזאכע איז גראד דער היפוך. דער קאפיטאליזם אליין וויל, אז דער שטאאט זאל ווערען א רעגולאטאר אין די אינ־דוסטריען, כדי דער שטאאט זאל דארטען נעמען [illegible], ווירקען דעם קאפיטאליזם צו העלפען אין זיין קאמפף מיט ארבייט. מיר

האבען אין די מלחמה־יאהרען געזעהן ווי פיעל אמת עס איז אין דעם געווען. מיר זעהען עס אויך פון א צווייטען שלאגענדען פאקט. די ריילראוד ארבייטער אין ענגלאנד און אין אמעריקא האבען נאר אמאל געמיינט, אז דער גרעסטער גליק פאר זיי וועט זיין, ווען דער שטאאט וועט קאנטראלירען די קאמפאניעס. שפּעטער, ווען די רעגירונגס־קאנטראל איז עטאבלירט געווארען אין געוויסע געגענדען, האבען זיך די ארבייטער געכאפּט, אז זיי האבען דערפון וועניג וואס געוואונען און זיי האבען גענומען פאדערען אז די רעגירונג זאל אינגאנצען איבערנעהמען די באהנען. דיעזער וואונש איז אויך פארווירקליכט געווארען — אויף א ווײלע — צייט וועניגסטענס, אין מלחמה צייט. האבען זיך די ארבייטער איבערצייגט, אז אויך דערפון האבען די קאמפאניעס געוואונען א סך, א סך מעהר ווי די ארבייטער. פאדערען די ארבייטער איצט, אז די רעגירונג זאל האלטען די באהנען, אבער אז געמענעדזשט זאלען זיי ווערען בשותפות פון א פאראייניגטע קאמיטע פון דער רעגירונג און די ארבייטער און אז די ארבייטער זאלען בארעכטיגט זיין צו א געוויסען חלק פון די פראפיטען.

דער אויפגעקלעהרטער ארבייטער מוז פארשטעהן דעם אמת'ן כאראקטער פון דעם שטאאט, כדי ער זאל ניט פארפיהרט ווערען פון די זאגענאנטע ליבעראלען און רעפארם־פארטייען, וועלכע זוכען איהם צו „העלפען" דורך דעם שטאאט. ער מוז וויסען וואס דער שטאאט איז און וויפיעל הילפע ער קען ערווארטען, וויפיעל גוטעס ער קען ערווארטען פון א פארשטארקטען שטאאט.

## די סאציאליסטען און דער „דעמאקראטישער שטאאט".

שטעלט זיך די פראגע. וויבאלד דער שטאאט איז אן אינסטרומענט, א ווערקצייג אין די הענד פון דער בורזשואזיע אין דעם קאמפף געגען פראלעטאריאט, וויבאלד דער שטאאט איז די דיקטאטור פון דער בורזשואזיע, טא פאר וואס זוכען די סאציאליסטען אהין זייערע פארשטעהער אריינצושיקען ? ווי קומען סאציאליסטען אין דעם שטאאט ? וואס קענען זיי דארטען טאהן ?

סאציאליסטען זוכען אריינצודרינגען אין די רעגירונגען צוליעב צוויי אורזאכען : ערשטענס, צו שטעהן וואס נעהנטער צו די טירען פון די צימערען, וואו די דיקטאטור זיצט. און צווייטענס,

צו שטערען די דיקטאטארישע ארבייט אויף אזוי ווייט ווי נאר מעגליך. די ערשטע אורזאכע איז די וויכטיגסטע. זיצענדיג אין פארלאמענט אדער אין קאנגרעס, זייענדיג אינסייד פון די רעגירונגס ראטען, האבען די סאציאליסטען א מעגליכקייט זיך צו דער וויסען די פלענער, די סטראטעגיע פון דעם שטאאט. און וויסענדיג דאס, קענען זיי בעסער זייער פראפאגאנדא אנפיהרען. סאציא־ליסטען זוכען ערוועהלט צו ווערען אין דער רעגירונג הויפטזעכליך צוליעב פראפאגאנדא.

עס איז אמת, אז ניט אימער ווערט דיעזער צוועק ערר‌ייכט ווי מיר האבען שוין אנגעוויזען אויבען, איז עס ניט לייכט פאר דעם ערוועהלטען סאציאליסט צו בלייבען פעסט ביי זיינע איבער־צייגונגען און געהן אויף דעם גלייכען וועג. די בורזשואזע אטמא־ספערע, אין וועלכער ער אטעמט, ווירקט ביסלעכווייז און עס פא־סירט, אז ער ווערט אנגעשטעקט און פאנגט אן צו מאכען קאמ־פראמיסען. אזוינע זאכען זיינען אונפארמיידליך. דער פראלע־טארישער קאמפף איז טאקע אזוי אונגעהייער שווער און דער פארטיטריט וואס ער מאכט איז אזוי שרעקליך לאנגזאם הויפט־זעכליך דער פאר, וואס זיינע פיהרער געהן מאסענווייז אראפ פון וועג. אויב דאס וואלט דעם פראלעטאריאט ענטמוטיגען, דאן וואלט ער שוין לאנג געדארפט אויפגעבען אלע זיינע אונטערנעה־מונגען, זיינע עקאנאמישע ארגאניזאציאנען אזוי גוט ווי זיינע פאליטישע. עס מוז אבער געזאגט ווערען, אז געשטרויכעלט ווע־רען די פיהרער זעלטען אויף דעם שטיין פון אונעהרליכקייט אדער קארופציאן. דער דורכשניטליכער ארבייטער־פיהרער אדער סא־ציאליסטישער פארשטעהער באזיצט א הויכע מאס פון אידעאליזם, און אט צוליעב דעם טאקע ווערט ער אריינגעצויגען אין דיעזען סארט ארבייט. געשטרויכעלט ווערען זיי אין די מייסטע פעלע צוליעב רייז פסיכאלאגישע אורזאכען. זיי באזיצען ניט גענוג אינטעלעקטועלען באגאזש בייצוקומען די בורזשואזע ווינטען, וואס בלאזען אויף זיי פון אלע זייטען. אין די רעגירונגס־צווייגען זיינען דיעזע ווינטען פיעל שטארקער ווי אין פריוואט לעבען. צייטענווייז פאראורזאכען דיעזע ווינטען א גרויסען שטורעם — דאס איז דער פאל אין קריטישע צייטען, ווי צום ביישפיעל אין א מלחמה, און עס פאדערט זיך אויסערגעוועהנליך פיעל כאראק־

טער און וויסען געגען זיי זיך צו שטעלען און ניט צושלאגען אדער פארטראגען צו ווערען.

## די סאציאליסטישע באוועגונג נאך דער מלחמה.

די אלע היילינע פסוקים, וועגען וועלכע סאציאליסטען האבען זיך וועניג־וואס געקימערט בעפאר דער מלחמה, וועלכע מען האט באטראכט אלע שעהנע פראזען, זיינען איצטער געווארען דער עיקר, די נשמה פון באוועגונג. אמאהל האט איינער געקענט זיין א גוטער מיטגליעד פון דער סאציאליסטישער באוועגונג, זאגאר אן אנגעזעהענער פיהרער, ניט וויסענדיג און ניט טראכטענדיג וועגען דער באדייטונג פון דיעזע פסוקים. איצטער איז עס אונמעגליך.

פאר דעם סאציאליסט איצטער מוז קלאהר זיין די באדייטונג פון קלאסען־קאמפף, פון אינטערנאציאנאל און פון דיקטאטור פון פראלעטאריאט. ער מוז פארשטעהן, דאס דער סאציאליזם איז ניט א רעפארם־פילאזאפיע, אז די סאציאליסטישע פארטיי איז ניט א רעפארם־באוועגונג. ער מוז וויסען, אז דער סאציאליזם איז א רעוואלוציאנערע וועלט־אנשויאונג און אז די סאציאליסטישע באוועגונג איז א רעוואלוציאנערע באוועגונג.

אין אלע לענדער אין אייראפא ווערט די סאציאליסטישע באוועגונג איבערגעלייטערט. די וואס האבען איהר באטראכט אלס א רעפארם־באוועגונג און האבען איהר גרונד פילאזאפיע ניט באגריפען גרינדליך, פארלאזען איהר. דאס זיינען יענע סאציאליסטען, וועלכע האבען פארגעסען, אז עס איז דא אזא זאך ווי אן ארבייטער־אינטערנאציאנאל, אזוי שנעל ווי דער קריעג איז ערקלעהרט געווארען. דאס זיינען די סאציאליסטען, וועלכע האבען גענומען פיטט'לען און פארטייטשען אזוינע סאציאליסטישע פארמולעס ווי „דיקטאטור פון פראלעטאריאט", אזוי שנעל ווי די רוסישע סאציאליסטען האבען געפונען די מעגליכקייט און די געלעגענהייט די דיקטאטור איינצופיהרען, און האבען עס געטאהן.

דער סאציאליסט מוז איצט באגרייפען ריכטיג וואס דער שטאאט איז, וואס א דעמאקראטיע איז און וואס זיינע באציהונגען אלס סאציאליסט מוזען זיין צו דעם שטאאט און צו דעמאקראטיע. ער מוז אויפהערען צו זיין א מוסר זאגער, און ווערען א קעמפפער. ער מוז וויסען, אז די סאציאליסטישע באוועגונג

איז א רויטע באוועגונג, א באוועגונג מיט בלוט אין די אדערען, וועלכע ווייסען אז קיין זאך קען אין לעבען אהן קאמפף ניט געוואָ־נען ווערען.

די סאציאליסטישע באוועגונג אין אמעריקא מוז אין דיעזען הינזיכט זיין פארזיכטגער ווי די באוועגונגען אין די אייראָפּע־אישע לענדער. דארטען איז דער פראצעס פון לייטערונג אנגע־גאנגען גאנצע פינף יאהר, פון דעם טאג וואס די מלחמה האט אויסגעבראכען ביז איצטער. און דער פראצעס איז דארטען גע־ווארען א גרינדליכער: די באוועגונגען זיינען אויפגעטרייסעלט געווארען ביז'ן סאמע פונדאמענט. יעדער סאציאליסטישער פרינ־ציפ און יעדער סאציאליסטישער שטאנדפונקט איז ברייט און גרינדליך דיסקוטירט געווארען. די סאציאליסטישע באוועגונגען האבען דארטען אויך געהאט די אויפגאבע צו האנדלען, ארויסצו־קריכען פון זייערע טעארעטישע פעסטונגען און נעהמען א פראק־טישע שטעלונג, אין פיעלע פעלע א געפעהרליכע שטעלונג, אין אפענעם פעלד פון פראקטישער פאליטיק. די סאציאליסטישע פראגראמען אין יענע לענדער זיינען דארום קלאר, פריי פון פראזען, פריי פון קאזיאנע פסוקים. יעדערווארט אין יענע פראגראמען לעבט: און יעדער סאציאליסט וואס שטיצט די פראגראמען אטעמט מיט דעם גייסט פון דיעזע ווערטער.

אין אמעריקא האבען מיר געהאט בלויז דעם ווידער־קול, דעם אפקלאנג פון דאס וואס איז אין אייראפא געשעהן. די פארטיי אונזערע איז אויך אויפגעטרייסעלט געווארען, אבער בלויז דורך כחות וואס האבען זיך אהער פארטראגען פון יענער זייט ים. מיר דא פיהרען נאך אלץ אן אונזערע דיסקוסיעס און דעבאטען אין די טעארעטישע ראמען. און מיר קענען דארום ניט פיהלען דעם טיעפען, דעם ברענענדען אמת, וואס דיעזע דיסקוסיעס זוכען צו באשטימען.

עס איז דארום פאראן א געפאהר, אז די „הויז רייניגונג", די אויסלייטערונג, וועט ביי אונז ניט זיין אזוי גרינדליך ווי זי מוז זיין. עס איז דא א געפאהר, אז די האלבע און פערטעל סאציא־ליסטען, וועלכע האבען זיך אמאליגע יאהרען ארייגנעכאפט אין אונזער פארטיי, זאלען אויך ווייטער פארבלייבען אין זייערע פלע־צער. דאס טאר ניט געשעהן, דאס מוז פארמיעדען ווערען.

ווייזוי? דאריף איז דא אן עצה. זאלען די אמת'ע סאציאליסטען זיך אוועקשטעלען אויפ'ן וואך, זאלען זיי זעהן אז די סאציאליסטישע פראגראמען זאלען שלאגען מיט הייסע רעוואלוציאנערע בלוט. זאלען זיי מאכען, אז אט יענע טויטע בוכשטאבען פון דער סאציאליסטישער תורה, וועלכע פלעגען אינגאנצען איגנארירט ווערען, זאלען איפלעבען און זאלען ווערען דער פראבעשטיין פאר יעדען סאציאליסט אין דער באוועגונג.

די גרויסע אויפגאבע פון דער סאציאליסטישער באוועגונג איז צו באשאפען אין לאנד אן ארמעע, וועלכע זאל גרייט זיין צו מאכען די סאציאליסטישע רעוואלוציאן, ווען דער פאסיגער מאמענט קומט אן. דיעזע ארמעע מוז וויסען איהרע ציעלען און די מעטאדען ווי אזוי די ציעלען צו ערדייכען. זי מוז זיין אן אינטעליגענטע ארמעע, יעדער סאלדאט אין איהר מוז אליין וויסען דעם וועג, די פלענער, די סטראטעגיע. די סאציאליסטישע סאלדאטען טארען ניט זיין בלינדע שעפסען אונטער דער פיהרשאפט פון א גענעראל. אזא ארמעע טויג זיך פאר א קאמפף פאר פינסטערניש, פון רעאקציע, ניט פאר א קאמפף פאר ליכט און פרייהייט.

און איצטער איז גארניט שווער די סאציאליסטישע ארמעע צו מושטירען און לערנען. אמאל זיינען די סאציאליסטישע טעאריעס געוועזען ניט מעהר ווי טעאריעס, צו וועלכע מען האט געמוזט אנשטרענגען די פארשטעלונגס־קראפט, וועלכע האבען מיט דעם לעבען גופא, מיט פאסירונגען פון טאג, קיין באלדיגע פארבינדונג ניט געהאט. איצטער איז עס אנדערש. איצטער לעבט דער קלאסען־קאמפף פאר אונז אין גאנץ איראפא; איצטער עקזיסטירט די דיקטאטור פון פראלעטאריאט אין דער גרויסער רוסלאנד און פיהרט מלחמה מיט דער גאנצער קאפיטאליסטישער וועלט. די סאציאליסטישע רעוואלוציאן אין איהרע פארשיעדענע פאזען קומט פאר פאר אונזערע אויגען. מיר זעהען איהר אנפאנג אין איין לאנד, איהר פארצווייפלונג אין א צווייטער, איהר ערפאלג אין א דריטער. מיר דארפען מעהר ניט פאנטאזירען וועגען איהר חלומ'ען וועגען איהר, זי איז דא. און יעדער סאציאליסט אין אמעריקא, יעדערער וואס שליסט זיך אן אן דער ארמעע אין דיעזען לאנד, דארף נאר קוקען אין דעם בוך פון פאסירונגען און אורטיילען, פאר זיך צו ערהאלטען דעם ריכטיגען באגריף, די ריכטיגע

געפיהלען און איבער ציינונגען. וואָס עס פֿאָדערט זיך פֿאַר דעם סאָציאַליסטישען סאָלדאַט.

# די „איין גרויסע יוניאן”.

די יעצטיגע אינדוסטריעלע געזעלשאפט איז צוטיילט אין צוויי קלאסען. די וואס באזיצט אלעם און באשאפט גארניט, און די וואס באשאפט אלעם און באזיצט גארניט. צו וויסען די צוויי קלאסען געהט אן א שטענדיגער קאמפף, אזוי ווי צווישען קויפער און פארקויפער פון אירגענדע וועלכע ארטיקלען. ווי עס געהט אן אויף איין האנד, דער קויפער זוכט צו קויפען אזוי ביליג ווי מעגליך, און אויף דער צווייטער האנד דער פארקויפער, וועלכער זוכט צו פארקויפען פאר אזוי פיעל ווי מעגליך. דאסזעלבע איז מיט די קויפער און פארקויפער פון ארבייטס-קראפט. אין דעם קאמפף איבער דעם קויף און פארקויף פון ארבייטס-קראפט, די קויפער זיינען אימער די באלעבאטים און די פארקויפער אימער די ארבייטער. אין דיעזען קאמפף ענטוויקעלט זיך דער אונפארמיידליכער קלאסען-קאמפף.

די „איין גרויסע יוניאן”, דעריבער, זעהט צו ארגאניזירען די ליין ארבייטער ניט נאכ'ן פאך, נאר אינדוסטריעל, אלס א קלאס און קלאס-באדערפעניש. דעריבער רופען מיר אלע ארבייטער צו ארגאניזירען זיך אהן אונטערשיעד פון נאציע, ראסע, אדער פאך, אין אן ארבייטער ארגאניזאציאן וואס זאל פאר אונז מעגליך מאכען, ערפאלגרייך אנפיהרען דעם אלטעגליכען קאמפף איבער ווידזשעס, ארבייטס-שטונדען, א. ז. וו., און זיין צוגענרייט פאר דעם טאג, ווען פראדוקציאן פאר פראפיט וועט פארביטען ווערען אויף פראדוקציאן פאר געברויך.

אויפקלערונגס מיטינגען ווערען אפגעהאלטען אלע זונטאג אווענט, 8 א זייגער, אין אקסידענט האל, קארנער קווין און באטהורסט סטריט. אלע זיינען העפליך איינגעלאדען.

פאר מער איינצעלהייטען זיך ווענדען צו: ד ז ש . נ י י ט,
880 בראאדוויו עוועניו, טעלעפאן דזשעראַרד 5271, טאראנטא, אנט.

# דער אידישער אויפקלעהרונגס פאַרבאַנד פון טאָראָנטאָ.

ארגאַניזירט פון דעם אידישען סאָציאַליסטישען פעראיין פון טאָראָנטאָ אויף דעם פאָלגענדען אופן :

יעדער יוניאָן, אַרבייטער - רינג בּרענטש און פּראָגרעסיווער אָרגאַניזאַציאָן, זאָל זיין פאַרטראָטען צוויי דעלעגאַטען. אונזער אויפגאַבּע איז צו פאַרשפּרייטען בּילדונג צווישען די אידישע אַרבּייטער מאַסען דורך, ערשטענס, צושטעלען לעקטשורערס צו זייערע מיטינגען און צווייטענס פאַרשפּרייטען ליטעראַטור, א. א. וו. יעדער פּראָגרעסיווער אַרבּייטער דאַרף זעהן אַז די אַרבּייט זאָל זיין געקרוינט מיט'ן גרעסטען ערפאָלג און איהר קענט דאָס גרינג טאָהן, אויף דעם פאָלגענדען אופן : ערשטענס, פאָדערט פון אייערע דעלעגאַטען, צום אידישען אויפקלעהרונגס פעראיין, אַ בּאַריכט צו יעדער מיטינג, צווייטענס, זעהט אַז די לעקטשורערס אין אייער אָרגאַניזאַציאָן זאָלען זיין גוט בּאַזוכט, און דריטענס, די ליטעראַטור וואָס דער אידישער אויפקלעהרונגס פעראיין גיט איבּער צו אייער אָרגאַניזאַציאָן אויף צו פאַרשפּרייטען, זאָל זיין גוט פאַרשפּרייט. עס איז די פּליכט פון יעדער אַרבּייט־שקלאַף וואָס פאַרשטעהט די לאַגע פון דעם אַרבּייטער־קלאַס אַז אַט די אויפקלעהרונגס־אַרבּייט זאָל דורכגעפיהרט ווערען מיט דעם גרעסטען ערפאָלג.

דער אידישער אויפקלעהרונגס פעראיין מיטעט יעדען זונטאָג 10 אַ זייגער פריה, אין 208 ספּעדיינאַ עוועניו.

פאַר מעהר איינצעלהייטען זיך ווענדען צו איזי ליבּערמאַן, סעקרעטער, 20 גרענדש עוועניו, טאָראָנטאָ.

# אַנטעריאָ לייבאָר קאַלעדזש.

די ערפאלגרייכע ארגאניזירונג פון דעם ארבייטער - קלאס פאן ערט אויפקלעהרונג.

אינסטרוקציעס ווערען געגעבען איבער עקאנאמיקס, אינדו־סטריעלע און פאליטישע היסטאריע.

א גרויסע וויסענשאפטליכע ליברערי פאר דעם געברויך פון די סטודענטען.

פער מעהר איינצעלהייטען זיך ווענדען צו : פלארינס קאבטאנס, סעקרעטער, 28 וועלינגטאן סטריט איסט, טאראנטא.

# וואָס איהר דאַרפט וויסען וועגען טאָראָנטאָ לייבאָר ליסעאום

וואָס איהר דאַרפט זויסען וועגען טאָראָנטאָ לייבאָר לייסעאום

די ערשטע שוואַלבען צו בויען אַן אייגענע היים פאַר די אידיישע אַרבייטער און פּראָגרעסיווע מענשען אין טאָראָנטאָ „די איניציאַטאָרם פאַר אַ לייבאָר לייסעאום" זיינען געוועזען די היגע אידיישע סאָציאַליסטען, אידישער ברענטש, ס. פּ. אָף קענעדע.

די קלאָוק מייקערס יוניאָן, די באַדייטענסטע אידישע אַרבייטער אָרגאַניזאַציע האָט געזאָלט די אַרבייט איבערנעהמען, דענקענדיג אַז זיי וועלען דאָס שנעלער דורכפיהרען. אָבער צוליעב טראָבעל אין דער טרייד האָבען זיי דאָס אויפגעגעבען און עס איז געגריגדעט געוואָרען די „טאָראָנטאָ לייבאָר לייסעאום אַססאָסיאיישאָן, לימיטעד" באַשטעהענד פון סאָציאַליסטען, טרייד יוניאָניסטען און אַרבייטער רינג טהוער. דעם 15־טען מערץ, 1913, איז די אַססאָסיאיישאָן געטשאַרטעט געוואָרען ביי דער רעגירונג מיט דעם רעכט צו פאַרקויפען פאַר $50,000 דאָלאַר שערס, צו פינף דאָלאַר אַ שער.

די לייבאָר לייסעאום ווערט פאַרוואַלטעט פון פופצעהן דירעקטאָרען, ערוועהלט יעהרליך פון די שער־האָלדערס, אום צו זיין פאַרזיכערט אַז דער לייבאָר לייסעאום, געשאַפען פון אַרבייטער זאָל זיין די היים פאַר די אַרבייטער, איז באַשרענקט געוואָרען דער פאַרקויף פון שערס צו איינצעלנע פערזאָנען, נעמליך ניט מעהר ווי פינף שערס ווערט פאַרקויפט צו איין פערזאָן. אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס קאָנען קויפען מיָהר שערס, דאָסזעלבע מיט פריינדליכע אָרגאַניזאַציעס, ווען זיי ווערען גוט געהייסען פון באָארד אָף דירעקטאָרס.

פאַרשיעדענע אורזאַכען, ווי די מלחמה, די ניט זיכערע עקזיסטענץ פון די אידיישע יוניאָנס און די אָפטע סטרייקס, האָבען

געשטערט דעם וואוקס פון דעם לייבאר לייסעאום. מיט די ענדע פון 1919 זיינען די אומשטענדען געווארען גינסטיגער. אן אייגענע היים פאר די ארגאניזירטע אידישע ארבייטער און ראדיקאלען, איז א זאך פון דער נויטווענדיגקייט, האט די טהעטיגקייט ארום דעם לייבאר לייסעאום אנגענומען אן ערענסטען און לעבעדיגען כאראקטער. די אידעע האלט ביים פארווירקליכט ווערען. א טיכטיגער קאמפיין ווערט אנגעפיהרט צו שאפען די פופציג טויזענט דאלאר. א פלאץ איז געקויפט געווארען אין 84 ,82 ,80 בעווערלי סטריט, און עס ווייזען זיך גוטע אויסזיכטען זיך צו שטעלען בויען דיעזען פריהלינג. די ערוועהלטע דירעקטארען פאר 1920 צוזאמען מיט די פארשטעהער פון די היגע ארגאניזאציעס. אלע ערפאהרענע און איבערגעגעבענע טהוער אין דער סאציאליסטישער און ארבייטער באוועגונג, ארבייטען ווי די ביהנען, דאס איז א גאראנטיע אז די ארבייט וועט געקרוינט ווערען מיט ערפאלג.

עס איז דערפאר די פליכט און אויפגאבע פון יעדען סאציאליסט, פון יעדען ארבייטער און פראגרעסיווען מענשען צו העלפען אין דער נאבעלער ארבייט, צו ווערען א פולער מיטגליעד אין דער לייבאר לייסעאום אססאסיאיישאן, דורך קויפען שערס! די פולע צאהל פון 5 שערס! עס איז אין די אינטערעסען פון יעדע ארבייטער און פריינדליכע ארגאניזאציע צו קויפען וואס מעהר שערס.

ארבייטער ! סאציאליסטען ! און פראגרעסיסטען !

העלפט בויען אן אייגענע, זיכערע און באקוועמע ארבייטער היים !

„פאר אן אידיישען ארבייטער טעמפעל, פון די ארבייטער,

פאר די ארבייטער“.

## די טאראנטא לייבאר לייסעאום אססאסיאיישאן, לימיטעד.

פרייז 10 סענט.

VELUT ARBOR ÆVO

*Presented to the*
LIBRARY *of the*
UNIVERSITY OF TORONTO

from
the library of
the late
Samuel Lazar Kagan

3 1761 07371514 6

Rogoff, Harry
Di diktatur fun proletariat

HX
86
R73
1900z
c.1
ROBA